# תשורה

משמחת הבר מצוה

של

## אליהו יעקב
## יוניק




## ג׳ סיון ה׳תש״ס

**תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק**

בס"ד

# פתח דבר

אנו מודים לד' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בחגיגת הבר מצוה של בנינו היקר, **אליהו יעקב** שיחי', ביום השלישי שהוכפל בו כי טוב, ג' סיון, יום א' דימי הגבלה, ה'תש"ס.

התודה והברכה מובעת בזה לידידינו ומקירינו, אשר ביום שמחת לבבנו הואילו לברכינו בברכת מזל טוב ולשמוח אתנו יחדיו.

מתכבדים אנו בזה להגיש לפני כבודו ואנשי ביתו יחיו **תשורה** מיוחדת – רובם בפירסום ראשון – הכוללת:

א) קטעים מרשימות **יומנים** אשר רשמם בשעתם לעצמו זקנו של חתן הבר-מצוה הרה"ח הרה"ת מוהר"ר **דובער** שיחי' **יוניק** אשר דיבר אתו כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו בהזדמנויות שונות.

ב) רשימת **יחידויות** אשר זכתה משפחתינו להיכנס כל עשר שנים משנות ה'תש"י – ה'תש"נ על פי הוראת כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו (חוץ מיחידות של שמחות וארועים מיוחדים).

ג) **צילומים** מכי"ק כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו המפרסמות פה לראשונה, ועוד כמה הוספות וכו'.

ויה"ר שכיון ששלושים יום קודם החג שואלים ודורשים בענין החג, ובג' סיון מתחילין שלושים יום לפני יום הקדוש **ג' תמוז**, אשר **שמש בגבעון דום**, ונתמלאת **שש שנים** - ימי עבודת עבד עברי – בחשכת הגלות הזה, **ולא אהבתי אדוני**, ויה"ר אשר **בשביעית** (ועוד קודם לכן) **יצא לחפשי חינם**, והקב"ה יקיים **לא תשלחנו ריקם, העניק תעניק לו** גו' תיכף **ומיד ממש**.

ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים והוא יגאלינו.

בברכת קבלת התורה בשמחה ובפנימיות.

מוקירם ומכבדם

**אברהם ברוך וציפה חי' יוניק**

יוניק־ ברוקלין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ד סיון תשכ"ט
ברוקלין

האברך אברהם ברוך שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה ע"ד הכנסו לגיל מצוה,
הנה יה"ר מהשי"ת אשר מבן שלש עשרה למצות יגדל לבן חמש עשרה וכו' כפסק המשנה (אבות פרק ה') ויוסיף התמדה ושקידה בלימודו בתורה, בתורה הנגלה וכן בתורת החסידות ויהדר בקיום המצות, והשי"ת יצליחו להיות חסיד ירא שמים ולמדן.

בברכה

מכתב כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו לחגיגת בר-מצוה
(לאביו של חתן הבר-מצוה שיחי')

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

יוניק- ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

493-9250

ב"ה, ד' סיון תשמ"ז
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' אברהם ברוך שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אשר נולד להם בן למזל טוב,

הנה יה"ר מהשי"ת שיכניסוהו לבריתו של אברהם אבינו, וכשם שיכניסוהו לברית כן יכניסוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ויגדלו ביחד עם זוגי' תי' מתוך הרחבה.

בברכת מזל טוב

מכתב כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו לרגל הולדת חתן הבר-מצוה

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

יוניק- ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

ב"ה, ג' סיון תש"נ
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' אברהם ברוך שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אודות יום הולדת השלישי של בנם אלי' יעקב שי'

הנה מועתק לקמן חלק ממכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בנוגע למנהגי ישראל בזה. ויה"ר מהשי"ת שיגדלו ביחד עם זוגו' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

בברכה

וז"ל כ"ק מו"ח אדמו"ר.

......ובדבר גזיזת השערות -אפשערעניש- הוא דבר גדול במנהג ישראל ועיקרו הוא בהחינוך דהשארת פיאות הראש, ומיום הגזיזה והנחת הפיאות של הראש, נהגו להדר להרגיל את התינוק בענין נשיאת ט"ק וברכות השחר וברכת המזון וק"ש שעל המטה. והשי"ת יהי' בעזרם שיגדלוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך פרנסה בהרחבה ובמנוחת הדעת בגשמיות וברוחניות.

מכתב כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו לרגל ה"אפשערעניש" של חתן הבר-מצוה

# שער היומנים

## הקדמה

ידוע אשר אאמו"ר הרה"ח הרה"ת מוהר"ר דובער שי' הי' מקורב במאוד אצל כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו ובית רבינו, וזכה לשמשם משנת תש"י ואילך, (ומאוחר יותר גם בניו שי'), וכ"ק אדמו"ר קרבו במאוד ודאג בעדו באהבה ובמסירות אבהית, (הקירוב אל בית רבינו התחיל עוד לפני זה, כשיצאו מעמק הבכא בשנת תש"ו, יצא אאמו"ר מרוסי' כבנה של הרבנית חנה ע"ה – אמו של כ"ק אדמו"ר), הרשימות אשר כתב אאמו"ר המתפרסמות פה לא ראו ע"ע את אור הדפוס, ומתפרסמות כאן לראשונה כפי אשר כתבם בשעתו, כמה מהרשימות הם מענינים אישיים כמו שידוך וכדומה, ומהם גם באופן של "את כל אשר יאהב יוכיח", רובם נכתבו באידיש ובשמירת אותיות הרב (לפי"ע) וככה הם מתפרסמות פה.

י"א שבט השי"ת

בחדר כ"ק אדמו"ר (מוהריי"צ (הדלת היתה סגורה אחרי הטהרה, כ"ק אד"ש רצה ליכנס אמר הרב ר' (נ"ע) עפונט די טיר דער רבי זאָל געזונט זיין גייט. ופתחו.

שבט השי"ת

ווען מי זאָגט ניט קיין תחנון זאָל מען ניט קלאַפּן קיין חטאנו פשענו אפילו צו מנחה, צו מעריב כל השנה. כ"ק אדמו"ר הכ"מ אמר באַ מיר איז אַ פלא וואָס מי ווייסט ניט פון דעם.

בערך תמוז-מ"א השי"ת

אמר לי - דער אויבּ' העלפט אַלע מאָל דער אויבּ' איז אַ גוטער ,אַז מי טוהט העלפט דער אויבּ'.

ערב ר"ח אלול תש"י (כשנסענו למרכז שליחות)

וואס ווילט איר יונגעלייט? אוואו פארט איר? (בערל יוניק ומשה גראבער) פארט געזונטערהייט, זייט מצליח .איר זאלט אויספירון דעם רבי'נס כוונה, כוחות אויף דעם האט איר, און אז איר וועט אויסניצון די כוחות ווי עס דארף צו זיין וועט איר האבן הצלחה אין אלע אייערע ענינים כללות'דיקע און פרטות'דיקע, פארט געזונטערהייט, זייט

מצליח, מן הסתם וועט מען הערן פון אייך גוטע נייעס פון וועג ,א בילד פון רבי'ן האט איר?, זאלט איר דאס טראגען מיט זיך אין וואלעט (ארנק).

אח"כ אמר לי: איך האב באקומען א בריוו פון טאטען און איך האב אים געשריבן אז איך האב הנאה פון דיין הנהגה.

(הערה: אין באלטימאר זיינען מיר איינגעשטאנען ביי הרב אקסעלראד, ער איז געווען א בעל הוראה, אפגעטאן פון וועלט, מען האט יעמאלט דערציילט אז דער פריערדיקע רבי האט געבעטען א ברכה ביי אים, אז עס פלעגט צו אים קומען א מאן אדער א פרוי מיט א שאלה פלעגט ער אליין צוגרייטון פאר זיי עסן און דערנאך פלעגט ער אריין קוקן אין ספרים און פסק'נען די שאלה.)

ראש השנה התשי"א

ערב: אמר לשנה טובה תכתב ותחתם.

ערב יום הכפורים ה'תשי"א

נתן לקח עבורי ועבור אבי שי' ואמר דאָס איז פאַר דיר און דאָס איז פאַרון טאַטון, זאָלסט ניט פאַרגעסין דאָס איז פאר דיר און דאָס איז פאַרון טאַטון והראה באצבעו הק' ואמר... בחת... טאַטון אַ חתן היינטיקן יאַר.

עש"ק פ' בראשית ה'תשי"א

שלח לר' פנחס בוראך (בנו אהרן משה בן שרה חולה מחלת דם – לאקימייע) דאָקטאָר זעליגסאָהן האַלט אַז מי דאַרף אים נעמען אין שפיטאָל ,מיין דעה איז אויך אַזוי, און ער וועט האָבן אריכות ימים (ובעת התוועדות שבת מברכים מוסיף גם) שנים. איך זאָל גייען פריער דאַוונען קבלת שבת און נאָך דער סעודה זאָל איך גייען ,באַגעגענדיק לעבן 770 מיך מיט דוד ראַסקין גייענדיק צו ר' פנחס'ן אמר: איר זאָלט ברייגען גוטע בשורות סוף כל סוף וועט מען פון אייך אויך הערון גוטע בשורות בגשמיות און אויך אין רוחניות (בביתו אמר) ישר כח פאַר דער בשורה ,איר זאָלט אַלעמאָל זיין שלוחים אַנזאָגון גוטע בשורות - שלוחי מצוה.

אודות לייב ראָטענבערג – יהודי שקרבנו אותו - (בביתו אמר) גיט קיין טאָג ניט קיין נאַכט איי אַ סדר - בכל אופן אייך אַ ישר כח,

איר זאָלט ברייגגען גוטע בשורות. - ישר כח פאַר דער גוטע בשורה.

יום א' פ' נח כ"ז תשרי התשי"א (בערך שעה 10:55)

דער וואָס גייט אַריין דאַרף אָנהויבןריידן, איך האָב גיהאַט אַ בריף פון טאַטון און די מאַמע האָט אויך געהאַט, און זיי האָבן גיבעטון איך זאָל ריידן מיט אייך וועגן דעם. קענט איר דאָך שפעטער אויך לערנען. דער טאַטע וויל און 23 יאָר זייט איר שוין אויך אַלט. צו איר האָב גיענדיקט שחיטה, צו איר קענט ניקור אויך .... ,וועגן דעם טאַטונס קומען וואָס איז דאָס נוגע איינס צום אַנדערון. (אמרתי ווי דער רבי וועט זאָגון אַזוי וועט זיין)

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

וואָס הייסט ווי איך וועל זאָגן אַ מאָל דאַרף זיין אַ פּקודה און אַ מאָל דאַרף מען וויסן וואו יענער האַלט, לעריינט געזונטערהייט זאָל זיין בהצלחה ובהתמדה.

עש"ק פ' נח התשי"א

אודות ר' לייב ראָטענבערג - מי דאַרף מיט אים ניט דאַווענען דעם גאַנצן דאַווענען. איך זאָל ניט איבערציען די סטרונע און נאָך זאָגן דעם גאַנצן תהלים.

ב"ה יום ג' פ' תולדות כ"ז חשון התשי"א 12.10

מי האָט אים היינט פאַרמאַטערט מיטן דאַווענען. (לייב ראָטענבערג) עס זאָל אים ניט ווערן... ראָטענבערג וויל מאַכן אַ קידוש אין פיר וואָכן אַרום שבת מברכים. ער ווייסט אַז מי פאַרברינגט נאָר שבת מברכים. מי דאַרף זעהן דאָס מבטל זיין ווייל ער וויל מסתמא קומען מיט דער פרוי, די טאָכטער און נאָך גוטע פריינט און פאַר זיי וועט זיין שווער צו גייען. אויב עס איז פאַראַן לעבן זיי אַ שוהל וואָלט מען געקענט דאָרט מאַכן ווען ער וועט וועלן ,סי גוט י' כסלו. שבת אין צוויי וואָכן אַרום (פון היינט) פאַר י"ט כסלו, עטלעכע בחורים זאָלן גייען צו זיי פאַרברייינגען און מי זאָל אויסניצון די געלעגענהיינט ריידן וועגן חסידות, רביים, חינוך (ידישקייט) דער עיקר דאַרפמען וויסן צו סי איז פאַראַן נאָהענט פון זיי אַ שול ווייל אויב ניט איז די זעלבע זאַך. ער מיינט אַז מיט דעם קידוש וועט ער יוצא זיין. ער מיינט אַז אין דעם קידוש ליגט די גאַנצע ידישקייט.

(אודות בוראַק'ס זוהן) וואָס האַרט דאָס אייך מצד וואָס ער טוט אבי ער טוט ,מסתמא האָט ער טעמים פאַרוואָס ער וויל ניט קומען. די וואָך טשעפּעט אים ניט ביז שבת. זונטאָג אָדער מאָנטאָג זאָל ער גייען און זאָגען אַז דער ברודער וויל ער זאָל זיין נאָך אַביסול לעבן אים. אים איז סקוטשנע (אומעטדיג).

מסתמא האָט איר שוין אַ מנין.

בסוכות של שנת תשי"א הורה להרב יצחק דובאוו ממאנטשעסטער בהתוועדות שמחת תורה לומר המבדיל בין קודש לחול ולעשות הבדלה ולאמר לחיים קודם מעריב.

(ביום ה' לאחר המעשה עם ר' יוחנן גארדאן שי' אמרה הרבנית הזקינה שתליט"א- די אַלטע רביצין - לקרוא להבחורים מרוסלאַנד לחדר כ"ק אדמו"ר. הבינו שזהו אודות המנין. אמרנו לה שיהי' אי"ה מנין, והסכימה שלא לקרוא הבחורים. לבסוף הי' מנין, אבל לא הי' אף אחד מהחברים שלנו. ביום השני פ' פקודי אמרה לנו אַז מי קען דאָ מער ניט לערנען .....) וואָס פאַר אַ מעשה מסתמא האָט איר גיהאַט גבהות אָדער גסות אָדער גאוה, פון דעם וואָס איר האָט גילערנט אין דעם צימער. באַ מיר איז אויך אויסגיקומען איר זאָלט דאָרט ניט לערנען ווייל מי דאַרף זיך ניט אָפּטיילן פון אַלע בחורים באָר איך האָב אייך ניט געוואָלט זאָגן, דאָס וואָס איר האָט גילערנט אין דעם צימער אַ יאָר צייט און נאָך אַ פּאָר חדשים איז דאָס געוויס אַ זכות פאַר אייך וואָס דורך דעם איז ביתוסף געוואָרן אור (וואָס קיינער קען דאָס באַ אייך ניט אָפּנעמען). התורה חוזרת למקום נמוך כמו שהמים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך. בשעת איר וועט לערנען פון אונטין וועט דאָס

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

באַ אייך פועל'ן התרחבות בהשגה, מסתמא איז גיקומען די צייט וואָס איר דאַרפט אַראפגייען דער פאַר איז דאָס אַזוי אַרויסגיקומען ,מסתמא האָט די רביצין אַליין ניט געוואוסט דעם טעם פאַרוואָס זי האָט אייך געהייסן אַראָבגייען, עס קען זיין אַז דער טעם איז ווייל איר האָט גיהאַט פון דעם גבהות אָדער גסות אָדער גאוה, זאָל דאָס זיין פאַר אַ אָפקומעניש. איר זאָלט אינגאַנצון מסיח דעת זיין פון דעם ענין, איר זאָלט זיך איבערגעבן צום לערנען און עס זאָל זיין בהצלחה.

פעם ב - וואו לערונט איר אין ביהמ"ד. איר זייט נאָך אַלץ צוטראָגין. פאַראַן נאָך עפעס פרטים. איר לערונט דאָרט נגלה און חסידות נאָט אייך אַ מאמר מאַכט איצטער די התחלה (גם נתן להגי' המאמר וקיבל היהודים שנת פ"ז - התמים שנת צ"ז חדש תמוז).

פעם ג - 8:30 ערב. עס זאָל זיין בהצלחה דער נייער סדר הלימוד און זאָל אַראָפקומען בטוב הנראה והנגלית.

אויף דעם איז אויך חל בשמחה וטוב לבב און זאָל אַראָפקומען בטוב הנראה והנגלית.

ערב פסח התשי"א יום ו' י"ד ניסן

כ"ק אדמו"ר נתן לי שתי מצות ואמר: נאָט אייך צוויי מצות נאָר מען דאַרף קיינעם ניט דערציילן ווייל מען וועט אייך ניט פאַרגינען ,איר וועט מיך משמש זיין ביי די סדרים. איר וועט נעמען דעם טאָץ דעם בעכער און אָרויפטראָגן, הגם ער (דעם בעכער) איז אַביסול צו גרויס, און די וויין אין דעם גאלאָן וועט איר האַלטן אין ווינקל פון דער רעכטער זייט, וואו איך זיץ, זיי וויסן אַז דו ביזט פון מיין צד וועט דאָס אַלץ ניט זיין קענטיג, בכלל מען דאַרף זעהן עס זאָל זיין וואָס ווייניקער בליטות, אין בעלי-בתישקייט מיש איך זיך ניט און איך בעט זיי ניט מישן זיך אין מיין בעלי-בתישקייט... אח"כ אמר א כשרן און פרייליכן פסח א געזונטן זומער און הצלחה אין לימוד ויר"ש,

לאחר סדר הב' בשעה 11 בלילה בערך אמר איבערגעבן: מען זאל גייען א טענצול און זינגען "קלי אתה ואודך" דער רבי האט געזאגט אז עס איז אַ סגולה צו גילוי אלי' - און לעבעדיק.

ביום ב' דחג נתן לי מצה לחלק לאנ"ש ואמר מען זאל ניט כאַפן און איך זאָל נעמען פאַר זיך פריער.

מנהגי חג הפסח התשי"א

מרור כזית וגם סאלאט.

חזרת מרור כזית וגם סאלאט.

מרור אויסגיקוועטשט מן המים בעצמו מיט אַ לעפול אין האַנט.

קידוש בלחש.

אפיקומן אונטער דער קישון פון דער הסיבה.

מגיד: לא מגבי' את הקערה עם המצות בא הא לחמא עניא כו' והיא שעמדה וכו' מגבי' את הכוס וכסה הפת.

צא ולמד כו' יעמיד הכוס ויגלה הפת.

מכות: כלי שלם ועל הארץ.

מצה זו שאנו אוכלים על שום מה: נגע במצות רק באמירת אותיות אלו, וכן במרור.

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

לפיכך אנחנו חייבים כו' יכסה את הפת ויגבי' את הכוס עד אותיות ונאמר לפניו הללוי'.

ברוך אתה כו' אשר גאלנו כו' נוטל את הכוס בידו עד סיום הברכה.

בתוך אכילה, לפני הדגים מקצת מצה עם מלח.

צו די סדרים דגים לבד, מצה לבד, מעט יין לאחר הדגים לאחר הבשר מקצת מצה עם מלח.

אפיקומן לא נתן לאשתו הרבנית שליט"א ולאמו שליט"א. נתן לאמו בחה"מ.

כוס של אלי' בשני לילות לאחר אפיקומן לפני ברכת המזון.

כוס ד' נטל בידו לאחר סיום ובכן ישתבח.

מנהג כל בית הרב ביום א' אין אוכלים פירות בכלל. וכ"ק אד"ש כל החג.

כוס של אלי' דערגיסט מען אַביסול און מי גיסט אַריין אין אַ כוס דערנאָך אין בוטל. צו ביסלאַך פון כוס של אלי' אין בעכער און יעדער מאָל וואָס מי גיסט אַריבער פון כוס של אלי' דערגיסט מען אים פון דער בוטל אַ טראָפן אַזוי איז געווען 4 מאָל, 3 מאָל פון כוס ואחד פון שעלכלול.

ביום השבת (יום טוב) אומרים ולקחתם סלת, מזמור לדוד.

שבת הגדול (מצורע) ח' ניסן מוצאי שבת :אין אומרים ויהי נועם ואתה קדוש.

ביצה שלמה אין זאַלץ וואַסער.

אחרון של פסח אמר: פריער וועט מען מאַכן קידש און מי וועט עסון און שפעטער וועט מען דאַוונען מנחה און ווער עס וויל וועט זיך נאָך אַ מאָל וואַשן ,הגם דער רבי זאָגט אין אַ שיחה אַז דער סדר אַז קידוש מנחה סעודת יו"ט, אָבער דאָ טוט מען אַזוי און מי קען דאָ סיי ווי ניט אויספירן.

יום ג' פ' שלח כ"ב סיון התשי"א

וואָס וועט איר זאָגן גוטס ר' בער ערשט איז געווען אייערער אַ תלמיד, על פי דין האָט איר בעדאַרפט אַריין גיין פריער נאָר מסתמא אַזוי (איז בעסער?), גייט צו אַביסול נעהנטער צום טיש, זאָגט וואָס איר ווילט זאָגן ,וואָס דאַרף מען ריידן למעלה מעשרה טפחים, זאָגט וואָס איר ווילט זאָגן און שפעטער וועל איך זאָגן וואָס איך וויל אייך זאָגן, וואָס דאַרף מען הערן לשון הרע ,די גמרא זאָגט אַז עס איז אַ איסור פאַר דעם וואָס רעדט און צו וועמען מען רעדט און אפילו וועגן וועמען מען רעדט, איר זייט אַהער געקומען אין ישיבה אויף לערנען, דער רבי דער שווער האָט אייך, אַ תמים, געבראַכט אַהער אין ישיבה כדי איר זאָלט לערנען נגלה און חסידות טאָהן אין עבודת התפלה און אהבת ישראל און איר האָט דעם עיקר אַוועק געלייגט אין אַ זייט און פאַרנומען זיך מיט אַ פרעמדן ענין וואָס צו אייך האָט דאָס קיין שייכות ניט, זאָלן טראַכטן די יונגע לייט וועגן דעם, זיי דאַרפן אויך ניט הערן קיין לשון הרע, מילא .... האָט קיין ברירה ניט, זאָל מען זאָגן אַז אפילו זיי האָבן ניט קיין ברירה ,אָבער פאַר אייך איז דאָס קיין אַרבעט ניט ,לא די וואָס דאָס איז ניט קיין הכנה איז דאָס נאָר אַ סתירה ,די זמנים פון תפלה דאַרפמען דאַוונען ,עס דאַרף זיין טהרה , בשעת מען זאָגט דעם שיעור דאַרף מען הערון, עס דאַרף זיין צדקה וויפל עס מאָנט זיך ,וואָס דאַרפט איר קריכן מיט אַ געזונטער קאָפ אין... איך

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

וויל ניט זאָגן אין קייטיקע וואָסער נאָר אומרייניע וואַסער... אָבער איר דאַרפט וויסן אַז ניט דאָס איז אייער זאַך ווי מען זאָגט אויף אַמעריקאַניש ניט אייערע ביזנעס.

איך ווייס ניט וואָס איז אייער כוונה געווען צו מאַכן גרינגער די... מילא וועגן פריער האָט איר ביי מיר ניט געפרעגט נביח אַז עס אַלעס געווען כדבעי אָבער אויף להבא דאַרפט איר וויסן אַז איר זייט אַ תמים, איר געפינט זיך בקרן אורה און אייער זאַך איז טאָן אין עבודת התפלה און לימוד התורה אהבת ישראל מקרב זיין בחורים און די הכנות פון צו דעם, די ערשטע זאַך אַז דאָס איז אַ אמת'ער ביטול תורה און ווער איז זיכער אַז עס וועט ניט שאַטן דאָס וואָס מי הערט ,צוליב וואָס דאַרף מען גייען מיט המצאילאך און זוכן עצות ווי צו מתחכם זיין אויף אַזאַ אופן אָדער אויף אַזאַ אופן אַראָפּנעמען די בלבולים, אויף דעם איז פאַראַן אַ רבונו של עולם און ער וועט אַלעס פירן צום גוטעס, איר דאַרפט מאַכן ביי זיך אַ הסכם אַז ניט דאָס איז אייער ענין.

נאָר איר דאַרפט זיצון און לערנען... איך ווייס ניט וויפל צייט דאַרף באַ אייך געדויערן מאַכן דעם הסכם, איך האָב מיינס אָפּגעטאָן און האָב ממשיך געווען פון מחשבה און דיבור און איצטער איז דאָס תלוי נאָר אין אייך אַראָפּטראָגן דאָס אין מעשה (וואָס טוט מען עס זאָל ניט שאַטן דאָס וואָס מען האָט געהערט) דאָס איז דורך מרבה זיין אין אותיות קדושות ,איר דאַרפט אויף זיך בלי נדר נעמען ביז ראש השנה אַ ענין נוסף און זאָגן אותיות קדושות, איך מיין ניט קריכן אין הימול, זאָגט אָפּ במשך פון חדש נאָך איין מאָל דעם תהלים. נאָר איר זאָלט ניט זאָגן אַזוי אַז דעם עולם וועט למשל האַלט יום ט"ז וועט איר אָפּזאָגן גאַנץ תהלים נאָר זאָגט אַלע טאָג דעם יום צוויי מאָל, דערנאָך גיט אַלע טאָג ביז ראש השנה אַ סענט צדקה חוץ שבת ויום טוב... צוויי סענט - איין מאָל גאַנץ פרי און איין מאָל פאַרנאַכט ,איך מיין ניט געבן אַ סאַך, אַ דאָלאַר אָדער פינף סענט, נאָר פשוט 2 סענט.

(דאָס איז אַלץ פאַריכטן דעם עבר אָבער להבא אויף התקשרות וואָס טוהט מען) דאָס איז תלוי אין אייך אַליין ,אַז מי האַלט זיך אין די ד' אמות, מען געפינט זיך בקרן אורה, מען האַלט זיך אָן אין אילנא דחי' איז מען מקושר ,איר זייט דאָך פריער אויך געווען מקושר ממילא וועט איר ווייטער אויך זיין מקושר ,מען דאַרף עסון ווי דער סדר איז, 2 מאָל אָדער 3 מאָל אַ טאָג און ניט פאַסטן אָדער יוצא זיין מיט אַ כזית ברויט. דאָס איז אַ סדר פאַר יחידי סגולה, מען דאַרף שלאָפן וויפל מען דאַרף, זייט בשמחה, אויב איך וועל ביי אייך פועלן די אַלע זאַכן וועל איך אויך זיין בשמחה פון דעם. זייט פריילין וואָס איר געפינט זיך בקרן אורה, איך וועל זעהן מאָרגן אויף אייך.

איר וואַקסט פון גרויס יחוד מען זאָגט דעם בעל שם'ס אַן אייניקל, איר וועט זיין דאָ שבת מברכים...

י"ב תמוז התשי"א

ניט מאַכון קיין צופיל חשבונות און ניט צו קוקן זיך צו יעדער פרט צו ביי אייך קומט אויס אַזוי צו אַזוי, צו איר פאַרשטייט יע צו איר פאַרשטייט ניט ,די לשון הרע וואָס איר האָט גיהערט (זאָל) וועט אייך זיכער ניט שאַטון, עס זאָל זיין ותשליך במצולת ים כל חטאתם, איר זאָלט זיך נעמען צום לימוד החסידות און צום לימוד הנגלה וועט איר געוויס האָבן הצלחה.

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

יום ג' פ' דברים ה' מנחם אב התשי"א - יחידות

איר האָט עולה תורה געווען מאָנטאָג ,אויב ניט זייט עולה תורה דאָנערשטיג, וואו וועט איר זיין דאָנערשטיג דאָ, עס איז פאַראַן איין מנין צו צוויי (די לעצטע צייט נאָר איין מנין.) אפשר וועט זיין צוויי אָדער קיין כהן וועט ניט זיין, נאָר אויב ניט איז שבת. בעסער וואָלט געווען עולה תורה זיין דאָנערשטיג, דערנאך וועט איר געבן צדקה פארן דאווענען און פאר מנחה, איר האט געלט? פון וואנעט האט איר געלט? (די ישיבה גיט אויף קליינע הוצאות ,(איר וועט געבן ח"י סענט פארן דאווענען און ח"י סענט פאר מנחה, דערנאך וועט איר אפלערנען דעם מאמר פון י"ב תמוז במשך פון היינט ביינאכט און מארגן, דאס איז דער מאמר פון רבינ'ס יום הולדת. בעסער וואלט געווען אויסחזור'ן א טייל אויף אויסענווייניג ,איר וועט אפזאגן א יום תהלים במשך פון דעם טאג ,עס איז א שאד וואס איר זייט ניט געפארן ערב ראש חדש אויפן ציון ,דער אויב' זאל העלפן מי זאל האבן פון אייך אידישן נחת, חסידישן נחת ,די עלטערן און מיר אלע און איר זאלט האבן נחת פון זיך ,עס שטייט... וואס דארף מען זיך שטארק צו קוקן, פאנאנדער קלייבן פון פנימיות מיט חיצוניות, עס איז פאראן זאכן וואס מען דארף יע פאנאנדער קלייבן פון פנימיות וחיצוניות ,מי דארף צו נוצון חכמה בינה דעת - עס איז מבלבל און אז מי קען ניט פארשטייען גרונטיג און מי בלייבט אין מיטן איז דאס נאר א שטער... א תלמיד דארף זיין בשמחה ובפרט א חסיד ובפרטי פרטיות א תמים - ,און דאס פועלט ניט גוט אויף דער סביבה אז מען איז אין עצבות איז מען ממשיך עצבות בעולם, פון מארגן אן דארפמען ווערן אנדערש.

...דערנאך דארף מען טראכטן וועגן הסתדרות פרטי, מסודרה מען זאל קענען דורך אייך דורך פירן שליחות'ן ניט אלעס תלמיד פרטי נאר אלעס א מסודר .אלץ דארף זיין בסדר והדרגה, שרייבט דעם טאטון פון מיין נאמען א מזל טוב ער זאל האבן נחת פון אייך פון די איבעריקע קינדער פון דעם ברודער פון רוסלאנד זאל מקבל זיין בשורות טובות און נחת פון זיך און מיר זאלן האבן נחת פון אייך. איר זאלט האבן אריכות ימים ושנים טובות און זאלט זיין א חסיד ירא"ש ולמדן...

ב' דר"ח כסלו תשי"ב כ"ק

*כיון שיש נדנוד השגת גבול אין כדאי הדבר, והשי"ת יזמין לו בטח מקור פרנסה כשר לגמרי וגם מרווח יותר. (לא"א שי')*

ב"ה אור ליום ב' וישלח מי' על י"א כסלו ה'תשי"ב

שעה 1:35-1:30 נקראתי לכ"ק אדמו"ר שליט"א.

מי דארף זעהן איר זאלט צופארון זעהן זיך מיט די עלטערין וויפיל צייט האט איר זיך ניט געזעהן (אמרתי מער פון 4 יאר) וויפיל מער 9 יאר (ניין 4 יאר מיט עטלעכע חדשים) וויפיל 4½ יאר אדער ווינציקער ,ווי איך זהע נאך אייך ווילט איר גאָר ניט טראַכטין וועגן דעם האומר לאבי ולאמו לא ידעתיו. (איך האָף צום אויב' אַז זיי ווען קומען אַהערצו (,זיי זיינען 5 מענטשן, דער טאַטע די מאַמע און נאָך אַ ברודער און דערנאָך די חתונה גיהאַטע שוועסטער און דער שוואָגער און איר זייט איינער, פאַרוואָס איז אייך

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

אַזוי שווער צו אַוועק פאָרין פון דאַנעט, (אמרתי מיר איז שווער אַוועק פאָרין פון דעם רבי'ן) אייך איז שווער אַוועק פאָרין פון מיר גרעסערע זאַכין טוהט מען צוליב עלטערין, מיילא אַז מי פאָרט אויף אַ לייגגערע צייט אָדער אויף דריי חדשים אָבער איר קענט פאָרון אויף אַ פאָר טעג) ,גוט, אַז דער רבי וויל פאָר איך.) איך פאַרשטיי ניט... איר דאַרפט אַליין וועלן און ניט ווייל איך וויל, איך האָב גיטראַכט אַז אַף אייערע פאַפירן מיט אַ וויזע וועט איר ניט קענען פאָרון, דאַרף מען זעהן נעמען אַ פרעמדין פאַס וואָס די פאטאגראפיע זאָל זיין ענדליך צו אייך און פאָרון, וויאַזוי איז העסקע (גאנזבורג) געפאָרון געם זיין פאַס הגם ער איז אַביסול נידעריקער אָדער אַ אַנדערינס ובפרט אַז איר וועט נאָך אויפטאָן עפעס אין ידישקייט אָדער אין יהדות איז זיכער גוט ,שבת מברכים און י"ט כסלו זייט דאָ און די פינפטע ליכטול וויל איך איר זאָלט זיין דאָ ,איר קענט פאָרון באמצע שפעטער אָדער פריער ,עס איז מיר איצטער אַריינגעפאַלון אין מחשבה דער פאַר האָב איך אייך גערופון. צו דער טאַטע האָט שוין אַ דירה און אַ קיך אַ בעזונדערע ,?איצטער האַלט מען דאָך אין מיטן פאַרברייגגען (די חסידים).

ב' דר"ח טבת יום א' ויגש תשי"ב 6:10-5 ערב

וואָס איז מיט אייער פאָרון איר האָט שוין אַלע פאַפירן אַ בריוו פון ישיבה אויך ,אַנו ווייזט ,איר וועט אָנטאָן אַ פאָר ברילון וועט זיין פאחאזשע מסתמא וועט איר אָנקומען אויפן גרעניץ באַנאַכט אָדער פאַרטאָג זיי וועלן זיין פאַרשלאָפן און איר וועט זיין פאַרשלאָפן.

איר זאָלט איבער געבן דעם שוואָגער אַז איך האָב זיין בריף באַקומען און איך וועל אים ענטפערון, איך שיק אים אַ תניא מיט אַ מורה שיעור זאָל זיין אַ גוטע התחלה.

וואָס האָט איר עפעס גיקויפט פאָר מתנות... נו און דער מאַמען אַזאַ בטלנות האָב איך פון אייך ניט ערוואַרט, וואָס איז די סיבה איר האָט ניט גיהאַט קיין געלט, הײנט איז דאָך פאַרמאַכט, איר האָט נאָך אַ פאָר שעה, מי דאַרף אַ טראַכט טאָן וואָס מי קען קריגן (בישען על ידו הק') נאַט אייך געלט (50 שק') קויפט עפעס דאָ ,אָדער איר קענט קויפן דאָרט אַף אַזאַ אופן אַז מי זאָל ניט וויסן אַז סי איז פון דאָרטן, אה אַזאַ בטלנות ,איך מאַך אייך פאַר אַ שליח מצוה נאַט אייך 5 ד' וד' זאָלט איר ברייגגען צוריק און מיט יענע מאַכט אַ פאַרברייגגען אַ חסידישע פאַרברייגגען אין ישיבה און נאָך אין אַ פאָר שוהלן אויב איר וועט ניט קענען זאָלן זיי פאַרברייגגען שפעטער ,פאָרט געזונטערהייט איר זאָלט טרעפן דאָרט אַלעמען געזונטערהייט ,גריסט אַלע אנ"ש פון מיר און ווייערע משפחות איר זאָלט קומען צוריק געזונטערהייט און ברייגגען פון זיי גוטע נייעס, איר זאָלט איבערגעבן דעם טאַטון, איך ווינטש דעם טאַטון הסתדרות הנכונה בקרוב און זאָל האָבן פון ברודער פון רוסלאַנד גוטע בשורות.

אַ בילעט האָט איר שוין גינומען - וואָס דאַרף מען ביידע פאַספאָרטן - איר ווייסט אַז דאָרט איז קאַלט האָט איר וואָס צו אָנטאָן.

כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לי שקל אחד חנוכה געלט בליל נר החמישי

בביתו של אמו הרבנית שליט"א, פרעזידענט סטריט, פאָרט געזונטערהייט (אין מאָנטריאָל), איר זאָלט אַלעמען גריסן פון מיר. ברחוב אמר די מאַמע האָט מיר געזאָגט אַז

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

זי וויל שיקון א טארט (מזונות), און זי זאָגט אַז בעסער זאָלט איר דאָרט קויפן ,וואָס דאַרף מען פירון איבער די גרעניץ מיט דעם ,אויב איר האָט שוין דאָ באַשטעלט זאָלן זיי דאָס נעמען צוריק און אויב ניט זאָל מען איבער שיקן צו מיר און איך וועל אָפּצאָלן.

ב"ה ג' פ' ויחי י' טבת קומענדיק צוריק

שאל: צו הייאָס גיט זיי געלט - צו מי האָט פאַרבראַכט - ווי איז געווען די וועג.

יום ב' תשא תענית אסתר י"ג אדר תשי"ב (לא הרגשתי טוב והלכתי אצל רופא) כשבאתי חזרה שאל מה אמר לי ד"ר ווילדער ואמר לי :עבדו את ה' בשמחה.

יום ב' פ' תשא י"ג אדר תשי"ב תענית אסתר

שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א צו איך ווייס אַז ביַים שוואָגער (יורקאוויטש) איז געבאָרן געוואָרן אַ אינגעלע, וויפיל קינדער האָט ער פון פריער ,צו ער האָט סמיכה אמרתי איני יודע ,צחק כ"ק אד"ש מאד.

יום ג' פ' תשא י"ד אדר פורים ביום תשי"ב

שלח משלוח מנות לראש העיר דירושלים מר שרגאי וגם להרב י"מ לעווין אמר :צו שרגאי דער וואס איז געכטן געווען דאָ דאַרף מען זיכער שיקן עפעס אַ נשיא בישראל אויך צו הרב לעווין.

באה חזרה בביתו אצל העלעווייטאר שאל בפרטיות מה דיברו צו מי האט גירעדט אין לערבען צו שרגאי האָט געוויזן זיינע ציצית, ער גייט אין תכלת. אמר על מר שרגאי ער איז אַ פרומער איד נאָר די פאַרטיי האָט אים צופאַרטערט.

לפני ההתוועדות אמר לנו: בערול אַלעניק ואני - בחדרו - ישר כח פאַרן שלח מנות, דער אויב' זאָל אייך העלפן איר זאָלט פירן שלח מנות משיח'ס צייטן.

בתוך ההתוועדות נתן לי כוס כמעט מלא יי"ש ואמר דו זאָלסט נאָר פאַרזוכן און די איבעריקע זאָלסטו איבערשיקן פאַרן טאַטן און דעם שוואָגער און זיי זאָלן דאָס אויסטרינקען נאָר מי זאָל צו דעם גאָר ניט צוגיסען. (משמע אך ורק עבור א"א וגיסי שי') מסתמא וועט די טעג אימיצער פאָרן קיין מאָנטרעאָל - אמר כל זה שני פעמים.

(פורים) איר האָט גיזעהן ווען ער האָט זיך געוואַשן, וואָס איז ער געווען אָנגיטאָן אויפן קאָפּ אַ שטריימל מיט עקון אָדער אַ הויכע היטול (האדמו"ר מקעפּיצניץ) און דער בויאַנער (אמרנו דער קעפּיצנצער אין אַ שטריימל).

אַ פריילינכן פורים און ממשיך זיין אויף כל השנה כולה און איבער אַ יאָר שיקן משלוח מנות צו משיח.

כ"ק אד"ש אמר לאמו שתחי' פאַרוואָס ווערט ער ניט קיין שוחט ער איז דאָך געווען פון די בעסטע שוחטים אין אירלאַנד.

## תשורה משמחת הבר מצוה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

ערב פסח תשי"ב

נתן שתי מצות שלמות עבורי ואח"כ שתי חתיכות עבור אבי שי' ועבור גיסי שי' אמר דאָס איז פאַרון טאַטון דאָס איז פאַרון שוואָגער, דערנאָך מוסיף געווען פאַרון טאַטון מיט די ב"ב פאַרון שוואָגער מיט די ב"ב.

מנהגים פסח תשי"ב

כוס של אלי' לפני ברהמ"ז,ביידע מאָל אַ גלאָז.

אחרון של פסח אין יעדער תבשיל אָנגיבראָקט מצות און סוף בערך 7 שטיק.

מצות קצת על המפה.

המוציא ראיתי פעם אחת בשבת אבגיבראכון אַ שטיקול מצה דערנאָך פון דעם שטיקול בימין און בשמאל און די אמצע גיגעסון.

אחרון של פסח ביקש מים און אַריין גיגאָסון אַביסול אין כוס שלו בלילה וביום וגם בתוך ההתוועדות לפני בהמ"ז.

ליל ב' דחג הפסח תשי"ב

בחדרו - אפשר וועט איר באַגלייטן מיין מאַמע און מיין בעל הבית'טע אָדער בעטון אַ צווייטן נאָך דעם אַז איר וועט קומען וועל איך אַרויס גייען (היינו פאַרברייגנען) – באַגלייט די מוטער - בחדרו אח"כ אמר: אפשר וועט מיין בעל הביתטע איימיצער באַגלייטן (אמרתי איך וועל זי באַגלייטן) אַלץ איר מי דאַרף אייך איימיצער העלפן אַלעס נאָר אַף זיך.

אחרון של פסח תשי"ב בתוך ההתוועדות

כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן עבור כל אחד ואחד חתיכת מצה, נתן חתיכה עבורי, בקשתי עבור אחי מאיר יחזקאל שי' שברוסלאַנד, כ"ק אד"ש נתן עבור אבי שי' גיסי שי' ועבור אחי שי' ואמר דעם ברודער איבער שיקן. אחרי ההתוועדות בחדרו שאלתי פשט, ואמר כ"ק אד"ש איר זאָלט דאָס איבער שיקן אַז דער ברודער וועט קומען אַהערצו, איך מיין ניט אין יונייטעד סטייטס דוקא נאָר אין איינע פון די מדינות וואָס איז חוץ די גרעניצון פון רוסלאַנד, (בא לקנדה בשנת תשל"א - וקבל המצה).

בקשתי מכוס של ברכה עבור אחי מאיר שי'.

נתן לי ואמר פארון ברודער פון רוסלאַנד אַ גלייכע זאַך הלואי וואָלט מען דאָס געטאָן פריער.

אחרון של פסח תשי"ב

בחדרו - עס איז פראַן נאָך אַביסול ווין פאַרוואָס האָט מען דאָס ניט פאַרנוצט, נו מי וועט דאָך מסתמא דעם שבת פאַרברייגנען זאָגן אַ מאמר וועט מען קענען נעמען דעם ווין, גיט איבער דעם עולם וועגן דעם. איך וועל מסתמא אויך מאַכון קידוש אויב סי וועט זיין מזונות.

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

אסרו חג הפסח תשי"ב – יחידות

אמר לי (הקטע הראשון בתרגום ללה"ק): השליחות שלי בעלמא דין, לפי דעתי, היא לבצע ("דורכפירן") את העניינים בחסד וברחמים. את הענין הזה לקחתי על עצמי, ובקשתי שזה יהי' בחסד וברחמים .... הענין שלי לעשות שאתה תהי' בשמחה, לעשות אותך לחסיד ... העניין שלך הוא עבודת התפלה, לימוד התורה לפי סדרי הישיבה, ובהוספה. וכעת לך לרקוד ותמשיך את השמחה על כל השנה כולה.

דער אויב' זאָל העלפן אַז איר, איך, דער שווער, דער טאַטע און די מאַמע, דער שוואָגער, דער ברודער, די שוועסטער, דער ברודער וואָס אין רוסלאַנד זאָלן זוכה זיין צו ביאת המשיח שהוא גילוי עצמות ומהות א"ס ב"ה, בעה"ז הגשמי - ווי מיר האָבן גירעדט אין אַ שיחה אַז דער עיקר דאַרף זיין דער אַוועק לייג, ניט רעכענען זיך מיט זיך אינגאַנצון.

יום א' כ"ה ניסן תשי"ב בבית של אמו שתליט"א

אויב מען האָט געגעסן און ניט געטרונקען איז אַ שאלה אויפן בענטשן.

יום ה' פ' אמור י"ג אייר תשי"ב

הסתלקות אחיו של כ"ק אד"ש אמר: איך זאָל אַריין גיין צו דער מאַמען אין 5 מינוט נאָך אים. גייענדיק צוריק אמר: די מאַמע האָט ניט באַמערקט די שיכלעך. מען דאַרף באַוואָרנען די פאַסט.

יום ב' פ' פינחס י"ד תמוז תשי"ב

מי האָט מיר געשריבן אַז אייער ברודער וויל אויך לערנען ענגליש, (למד בתו"ת במאנטריאל והי' שם כתה ללימוד אנגלית), איר זאָלט שרייבן דעם טאַטון וועגן דעם ברודער ער זאָל ניט לערנען קיין ענגליש ,ביט בדרך פקודה ,אַ גוואַלדיקע פליאה מי וויל פאַרון זיין לעבן ניו-יאָרק און דערבאָך ניצט מען דאָס אויס אויף ענגלישע גראַמאַטיקע, ער וועט ניט פאַרשפעטיקן אין אַ יאָר אַרום, צווי, דריי, פיר און אויך זיינע חברים ניימאַרק, וויחנין, שוויי. וויפיל איז ער אַלט דער ברודער מער פון 16 מסתמא טראַכט מען שוין וועגן תכלית ,הא ,(אמרתי אַז דער טאַטע האָט מיר ניט געשריבן וועגן דעם) ענה כ"ק אד"ש מסתמא האָבן זיי ניט געוואָלט מיר אָנטאָן קיין עגמת נפש.

עש"ק פ' פינחס ח"י תמוז תשי"ב

נאָכן עסן אויפן גאַס שאל אותי כ"ק אד"ש צי איך האָב גיהאַט אַן ענטפער פון טאַטן וועגן דעם ברודער, צי ער וועט פאָלגן (אמרתי ער וועט זיכער פאָלגן), אויב ער וועט זיין ברוגז איר זייט ניט שולדיק דאָס האָב איך...

ב"ה יום א' פ' דברים כ"ז תמוז תשי"ב 8:30 ערב

איר האָט דאָך נאָך אַ וואָך צייט איר וועט אַריין גייען זונטאָג, מי דאַרף אַ קוק טאָהן צו סי וועט זיין יחידות (לקח לוח ואמר) מסתמא וועט זיין יחידות .פאַרון אויפן אוהל קענט איר דינסטאג סיי ווי סיי, אויב סי וועט זיין פלאַץ אין קאַר קענט איר פאַרון מיט

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

מיר .דאָס וועט איר אַריין לייגן די בריוו דער מאַמען די שוועגערין האָט צוגעשיקט, איר האָט נאָך עפעס וואָס צו פרעגן (אמרתי איך ווייס ניט דער רבי דאַרף זאָגן) אמר וואָס בין איך פאַר אַ זאָגער, איר וועט אַריין גייען זונטאָג, וואָס איז מיט אייער פאָרן (מרכז שליחות), אויב איר ווילט קענט איר דאָך פאָרן בסמיכות פונקט ווי שלום מענדל אָדער אַנדערע וואָס האָבן פאַרשיידענע טעמים ,עס גידאיערט אַ שעה אָדער צוויי אַ מאָל בלייבט מען נעכטיקן, צו איר פאָרט מיט אַ קאַר, ווער פאָרט אין נואַרק וואו יעקב ליפסקער, ריידט דורך מיט הרב חדקוב וועגן דעם, אי"ה דינסטאָג וועלן מיר פאָרן צוזאַמען אויפן אהל, איר זאָלט זיך אויסבעטן אַלעס גוטס.

צו עס איז געווען אַ ענטפער פון טאַטון וועגן דעם ברודער (היינו דוד אודות ענגליש).

עש"ק פ' דברים ד' מנ"א תשי"ב (בחדרו)

איר זאָלט שרייבן דעם טאַטון אַז ניט דער פשט אַז ער טאָר ניט קענען קיין ענגליש (היינו דוד) ניט צוליב דעם איז מען געפאָרן פון פאַריז קיין מאָנטרעאָל נאָר ער וועט דאָס אוספייען אין צוויי יאָר אַרום.

יום א' פ' ואתחנן ה' מנ"א תשי"ב 1 לילה

מסתמא וועגן דעם יום הולדת, ווען איז יום הולדת מאָרגן, איר וועט מסתמא עולה תורה זיין דאָס איז דאָך אַ דבר פשוט ,דערנאָך וועט איר געבן פאַרן דאַוונען צוויי מאָל ח"י אָדער דריי מאָל ח"י און אויך פאַר מנחה, איר וועט אָפּזאָגן במשך פון טאָג אַ יום תהלים, דערנאָך וועט איר אויסחזרן במשך פון מעת לעת אַ מאמר און אַ חלק פון דעם מאמר זאָלט איר זאָגן שבת וואו איר זאָגט, איר זאָלט האָבן אריכת ימים ושנים טובות און זיין אַ אמת'ער חסיד ירא שמים ולמדן און דער אויב' זאָל אייך מזמין זיין דעם יאָר אַ זווג הגון המתאים לפי עניניו סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, איר זייט זייער ערנסט אַז מי איז בשמחה זיינען די ענינים אויך גרינגער.

ערב תשעה באב תשי"ב

נאָך אַ מצוה אַריין גיכאַפּט די גאַנצע עולם הבא וויל ער פאַר זיך ,לאָזט נאָך פאַר איימיצון.

כ' אב תשי"ב

יארצייט. אָנגעצונדן 5 ליכט בחדרו בשעה 8:48 ערב.

אמר לאמו שתליט"א א מתנגדישער מנהג פאסטן ביום היארצייט.

בהיותו על ציון אדמו"ר זי"ע אנגיקלאפט אין טיר.

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק


RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין נ. י.


ב"ה, ז' אלול תשי"ב
ברוקלין

הרה"ת הנ"ח אי"א נו"נ ובו'
מוה"ר נפתלי שי' שו"ב

שלום וברכה!

קבלתי מכתבו מא' ראה והקודם לו, ואתו הסליחה אשר מפני רוב הטרדה לא אשרתי קבלתם עד עתה.

ובנוגע מה שכותב בענין שידוך בשביל בנו המ"ח אי"א נו"נ בעל מדות וכו' הרב מו"ה דובער שי', הנה פעם אמרתי לו מה השקפתו אודות השידוך, וכנראה-לא החליט עדיין בעצמו בזה, אם לפי דעתו יש שידוך המתאים בשבילו, המנכון הוא, שיכתוב לבנו עד"ז, ואם ישאלני אגיד לו חות דעתי מתאים לפרטי ההצעה.

נהניתי מההתענינות שלו במצב ענין השו"ב במתנו, אף שנצטערתי במאד, על המאורעות והענינים שלא כדבעי, שמזכירם במכתבו וכנראה שכוונתו בזה הוא לסו"ע. ובטח ימים אלו תהי' הזדמנות לדבר עם עוד אחדים מאנ"ש אשר יכולים להתערב בזה, ותקותי שיעלה בידם לתקן את המצב לאט לאט, ומובן מעצמו שלא אזכיר שההודעה הראשונה באה מכת"ר שי'. והשי"ת יזכהו להצליח במלאכת הקדש בלי שום מכשול ח"ו, וידוע ג"כ הפירוש בפרז"ל אין ושחט אלא ומשך, שהוא, כמו שע"פ פשוט, ענין השחיטה היא להכשיר את בשר הבהמה והעוף להעלותם ממדריגת חי למדריגת מדבר (כיון שנעשה דם ובשר של האדם) הרי נעשה ג"כ ענין זה ברוחניות, להמשיך ולהעלות את הנפש הבהמית למדר אדם שהוא מלי' אדמה לעליון. וכמ"ש בשל"ה דף ז' ע"ב, והוא בפי' עשרה מאמרות, מאמר אם כל חי חלק ב' סימן ל"ג.

בברכת כתיבה וחתימה טובה לו ולכל בנ"ב

ערב ראש השנה תשי"ג

אַז מי גייט אַריין און מי פרעגט ענטפער איך. דעם טאָטון דאַרף מען דערווייל ניט שרייבן ביז סי וועט זיין אַ דבר ברור.

בשעת נתינת הפ"נ אמר כתיבה וחתימה טובה.

ערב יום הכפורים תשי"ג

נתן לי לקח ואמר א גמר חתימה טובה. גם עבור אבי שי' וגיסי שי', ואמר א גמר חתימה טובה למסור לכל אחד.

מוש"ק פ' נח ו' חשון תשי"ג

עס זאָל זיין ליפוי כח (כשקבלתי מכה באצבע שברגל)

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

ב"ה, י"ח טבת תשי"ג
ברוקלין

הרה"ח הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה"ר נפתלי שי' שו"ב

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מיום כ' ויחי, בו מודיע שבמכתב שנתקבל מאה"ק ת"ו אין נזכר ע"ד נשואי בנו שי', הנה במכתבים המתקבלים ממדינתינו לפנים, אין לתמוה על מה שאין כותבים בפרטיות, וכידוע המצב שם.

מ"ש בענין בנו הוו"ח אי"א נו"נ וכו' דובער שי', הנה אחרי השיחה שהיתה לו עמו בדבר רצונו להתלמד אומנות לסיתת אבנים טובות, הנה השתמשתי בהזדמנות זו, לעוררו בכלל שבאת כבר העת להשתדך, וכפי הרושם שיש אצלי, הנה אם יציעו לו שידוך המתאים יתענין בזה בפרט, ומובן, אשר גם אני אזרזו בזה, ולכן בהמשך למה שדברתי עם כת"ר שי' בהיותו כאן, עליו להשתדל ולחפש בזה בכל האופנים המתאימים, ולהציע לבנו, אם באופן ישר או ע"י הרה"ח הוו"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ מוהרחמ"א שי' חדקוב.

מ"ש אודות בנו דוד אלי' שי',
הנה זה כבר כתבתי לכמה מתלמידים שלומדים בתו"ת במאנטרעאל - שעל שכמם הועמסה השליחות מקביעת והתפקיד להעמיד הקומה של דהישיבה שם, היינו שתהי' כתה מסודרים ושוקדים הן בלימוד הנגלה והן בלימוד החסידות, ואין לך תועלת גדולה ממילוי שליחות הנשמה בעלמא דין, ובטח בהמשך זמן זה כבר נמצא לו חבר מתאים, ולומד בחברותא הן בנגלה והן בדא"ח, והשי"ת יזכה את כת"ר וזוגתו שיחיו לקבל רוב נחת מכל יו"ח שיחיו און אויפגעקסן אל מתוך הרחבה,

בברכה [signature]

ב"ה ג' פ' תזריע-ומצורע ער"ח אייר תשי"ג 10:30-11 לילה

ווער דארף אנהויבןריידן פריער מסתמא איך, דאס איז בהמשך צו דעם וואס הרב חדקוב האט מיט אייך גירעדט, לאמיר ריידן אן דיפלאמאטיע צו איר דארפט מורא האבן פאר מיר צו איך פאר אייך לאמיר בעסער מורא האבן פאר דעם אויב'. איר האט קיין צייט ניט און איך האב קיין צייט ניט, ווי טראכט איר צו גייען צו דער זאך אז הרב חדקוב ניט, א צווייטער ניט, ווי אזוי וועט איר האבן די געלעגנהייט צו טרעפון א מיידל איר ווילט אז דער אויב' זאל אייך צופירן א מיידל פארמאכן די אויגן און איר וועט זאגן הרי את מקודשת, מי דארף אז איימיצער זאל אנווייזן א מיידל, עס איז אויך מיט דעם אויב' הילף אבער וואס דארף מען א הנהגה נסים, אזוי איז דער סדר אז מי רופט אפ אין טעלעפון און מי זעהט זיך מי שטעלט דאך ניט גלייך די חופה און אזוי ווי איר זיצט אין צימער ביהמד"ר אדער אין שוהל ווי וועט דאס זיין, נאך דעם ווי מי זעהט זיך צו סי גיפעלט יע צו ניט איז ניט מיינע א זאך דערנאך איז דאך פאראן דער צווייטער צד אויך, די פרטים וועגן דעם אז מי וויל ניט דארף מען ניט דערציילן און אז סי וועט זיין עפעס א פרעג טאן קען מען מברר זיין, איר ווילט ניט דורך הרב חדקוב דורך יצחק גאלדין זאגט דורך ווענמען ווילט איר יע, אפשר האב איך געדארפט אייך אליין זאגן אבער די זאך בייט זיך ניט, פארוואס זאג איך דאס אייך ווייל איך פיל אף זיך א שטיקול חוב צו די בחורים וואס זיי פירן זיך בהנהגה של תורה וואס זיי זיינען ניט קיין פועלי (ציון) מזרחי שומר הצעירניקעס איז מיין פליכט צו העלפן זיי בדרך הנהגה של תורה און אזוי ווי קיין אנדער

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

מעגליכקייט האט איר ניט ווי צו טרעפון זיך מיט א מיידל האב איך געבעטן הרב חדקוב ר' יצחק גאלדין און אנדערע מי זאל טראכטן וועגן אייך ראסקינען מאראזאוו און אנדערע וואס זיינען שייך צו דעם און מי מיינט ניט בע"כ איר זאלט דאס טאן, פאר וואס זאג איך דאס ווייל איר וועט דאך ניט פארון קיין פילאדעלפיע באלטימאר איז נאר אין ניו יארק, ברוקלין, בראזנוויל, מאנהעטן, וואשינגטאן הייטס איז נאהענט, די עלטערון זיינען דאך אין קאנאדע און מיט זיי מאכט איר גרינג איר שרייבט זיי אינגאנצון ניט וועגן דעם אזוי בין איך משער ווייל צו מיר שרייבן זיי ניט וועגן דעם ווייל איר ענטפערט זיי אינגאנצון ניט אף דעם אדער איר (דרייט זיך ארויס?) איז דאך יעמאלט א שאד די סטעמפ און דורך אנדערע ווילט איר ניט איז ווי וועט דאס זיין, זאגן אז נפשי חשקה בתורה אז איר טראכט זיצון נאך 5 יאר אין ישיבה פונקט ווי אין מיר וואלט איך אנדערש גיטראכט] ובפרט אז איר האט שוין א ענין של פרנסה סיידן איר ווילט אפלייגן אין באנק ווי מי טוהט דאן[ גייען גייט איר אין ערגעץ ניט בכלל דער פרומער קרייז איז באגרעניצט, איר זאלט אפשטעלן א מיידל אין גאס און ריידן מיט איר אבי זי טראגט א קליידל אדער אריין גיין אין בית יעקב און צוקוקן זיך און וועלכע געפעלט באקענען זיך איז ניט קיין סדר. בא די פרייע אז מי לערונט צוזאמען מיידלעך מיט אינגלעך איז קען מען א סאך מאל צופאסטן זיך, פון הרב חדקוב האב איך פארשטאנען אז איר טראכט אינגאנצון ניט וועגן א שידוך און מי זעהט דאך אין וועלט אז רובו האבן חתונה דאס וויל איך איר זאלט אליין זאגן וואס זאל זיין, און וואס וועט זיין אין א האלב יאר ארום ...אמר אד"ש דאס איז נאר א דיחוי צו סי איז אזוי, איך האב גיהערט אז מיט א פאר וואכון צוריק האט זי דא באדארפט זיין, ווער קען וויסן וועגן דעם זלמן גורארי' און קען זיין אז זי וועט זיין שפעטער מיט א פאר וואכון זומער פארט זי מסתמא אוועק אדער אין מאנטרעאל אדער אין ניו יארק, ווי איז איר הנהגה דארט, די ארבייט דארף מען אויסלערנען זיך גוט עס רעדט זיך ניט וועגן היינט מארגן (אמרתי איך וואלט וועלן פון א חסידישע משפחה) דארפמען דאס זאגן, מי דארף דאך זאל זיין א טאכטער ניט פון 14 אדער 16 יאר. דער אויב' זאל העלפן עס זאל זיין אף א גלאטן אופן און וואס פריער און בא אייך זאל זיך אפלייגן אויך.

יום ב' פ' במדבר כו אייר תשי"ג

(אין קארידאר פון זיין מוטער בערב) וואס איז מיטן טאטון ער קומט אויף שבועות (אמרתי אז א וויזע האט ער נאר ער דארף זיין פרייטאג נאך שבועות אויף דער ארבייט) ענה אד"ש מסתמא דער אויב' וועט פירן ווי בעסער איז.

עש"ק פ' קרח א' ר"ח תמוז, תשי"ג

אצל הדלת אמו שליט"א אמר לי אד"ש: איך האב גיהערט אז אייער ברודער האט אנגיהויבן בעסער לערנען. איך וויס ניט וועמעס השפעה איז דאס. אז די הנהלה זאל זיך ארויס געבן מיט א (ולא גמר) שבח? הכוונה הנהלה ממאנטריאל.

יום ב' פ' מטות-מסעי כ"ג תמוז תשי"ג, שעה 11 ביום

איר וועט אזוי גוט זיין אריין לייגן דאס צו דער מאמען סי וואלט געווען גוט זי זאל דאס היינט באקומען, דארט איז פיקצעס.

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

וואס איז וועגן דעם וואס איך האב מיט אייך גירעדט, וואס פאר א תירוץ האט איר היינט צוגעגרייט (דערווייל גארניט) איך זע אז סי רוקט זיך ניט עס איז פונקט ווי מיט א יאר צוריק, צוויי, דריי, פיר. דורך פארמיטלער ווי די גאנצע וועלט טוהט ווילט איר ניט און אליין טוהט איר ניט. דער אויב' טוהט נסים אבער א אחיזה דארף זיין אין דרך הטבע. איר ווילט איר זאלט אויפשטיין גאנצפרי און גלייך זיין אונטער דער חופה. איר קוקט אויף מיר מיט אזויגע דערשראקענע אויגן. אייערע עלטערין זיצן אין קאנאדע און איר טוהט דא גארניט וועגן דעם. זייט זיך מיישב און אין א פאר טעג ארום וועל איך זעהן אויב איר וועט אליין ניט אנהויבן טאן וועל איך, שרייבן די עלטערין, און דערווייל זייט בשמחה און האט אף מיר ניט קיין פאראיבול. א גרויסן ישר כח.

עס איז נאך עפעס געווען אין קעסטול (דואר אצל אמו הרבנית).

יום ד' פ' דברים ה' מנחם-אב תשי"ג

ווען איז אייער יום הולדת שבת איר וועט בעטון מי זאל אייך געבן א עלי', אויב סי וועט זיין - אבער וואס איז אייך נוגע - אדער צו מנחה. איר האט שוין מעביר סדרה געווען, ווען זייט איר מעביר סדרה פרייטאג צו שבת (איך האב שוין היינט מ"ס) נו וועט איר זאגון לכל הפחות די הפטרה נאך א מאל. דערנאך וועט איר אפלערנען אלע דריי שיעורים פון חומש תהלים תניא (איך לערון דאס אלע טאג) און דעם טאג בפרט מדקדק זיין און ווען זאגט איר חסידות נאך מנחה וועט איר דורך לערנען במשך פון מעת לעת א מאמר און איר וועט אים זאגן אדער א חלק פון אים. נאר א מאמר וואס איר האט נאך ניט געחזרט. דער אויב' זאל העלפן איר זאלט זיין א חסיד יר"ש למדן און דער אויב' זאל אייך צושיקן א זווג המתאים בגשמיות וברוחניות דעם יאר איך מיין ניט דעם יאר פון תשי"ג נאר דעם יאר פון יום הולדת און בא אייך זאל ניט נאר אפלייגן זיך נאר איר זאלט דאס טאן.

צו דער חופה מיט א פריילעכע הארץ די עלטערין זאל האבן נחת פון אייך און פון די איבעריקע קינדער בגשמיות וברוחניות.

יום ב' ערב ראש השנה תשי"ד

איר וועט אזוי גוט זיין אריין לייגן דאס צו דער מאמען. פארוואס זעהט איר אזוי שלעכט אויס (איך ווייס ניט) אויב איר ווייסט ניט ווי קען א צווייטער וויסן. גייט צו א ד"ר. איך מיין ניט איצט נאר בייטאג (איך פיל זיך גאנץ גוט) איז וואס איז מיט אייך. אויב איר שווייגט וועל איך אויך שווייגן. איר זעהט איצטער אזוי שלעכט אויס וואס וועט זיין אז איר וועט אלט זיין 70 יאר.

עס איז איימיצער גיקומען פון אייערע (דער ברודער) וואו שטייט ער.

בבית של אמו הרבנית שליט"א אמר איר זאלט ניט פארגעסין מאכון א עירוב תבשילין נאר פון די מאכלים וואס מי האט גיקאכט דארט א ניט איז אייגישטעלט די גאנצע זאך. איר זאלט דאס מאכון מיט דיפלאמאטיע.

ביום ב' דראש השנה בחדרו

אמר לי: הרב חדקוב האט איבער גיגעבן אז מי וועט פארברייגען א קוואדער נאך 6.

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

יום א' פ' חיי שרה י"ז חשון תשי"ד

ביים רבי'ן נ"ע דעם שווער'ס פאָטער איז געווען אַ איד ער האָט געהייסן ר' מענדל. איז ווען ער פלעגט אַרויס גייען פון רבי'ן פלעגט מען אַ סאַך מאָל פרעגן באַ אים וואָס טוהט יעצט דער רבי פלעגט ער זאָגן איך ווייס ניט, איז אַז מי וועט פרעגן באַ אייך זאָגט אויך אַז איר ווייסט ניט אָדער אַ אַנדער תירוץ, אויב איר קענט פאַרגעסן איז זיכער גוט. די טעלער קען מען אויך האַלטן דאָ ווייל פריער האָט מען געטראַכט אַז מי זאָל זיי האַלטן באַ מאַריע יאסודעוונא (נערה יהודית-רוסית ששרתה אצל הרבנית הזקנה), איר האָט גיגעבן דובינסקי געלט, די פליטע איז אַ פליישיקע צו אַ מילכיקע.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, ד' כסלו תשי"ד
ברוקלין.

הרה"ת הוו"ח אי"א נו"נ כו'
מוה"ר נפתלי שי' שו"ב

שלום וברכה!

קבלתי מכתבו מא' תולדות עם המוסגר בו, אשר נמסר לצדקה שמ"ג כהוראתו.

חסול היתה אצלי בתו תי' חנה תחי'. ויה"ר מהשי"ת אשר הוא וזוגתו שיחיו ירוו מבנה ומשאר ילידיהם ובי"ב-שיחיו רוב נחת חסידותי.

ובהזדמנות זו הנני עוה"פ לכפול, מה שכתבתי מכבר, שכנראה בהנוגע לבנם האברך דובער שי' הנה לא נעשה דבר, ומוי"ס הרי פסקו רז"ל שדרכו של איש לחזור כו', ולא להיפך שיחפשו אחריו. ומדרכי בני ישראל הכשרים, אשר ההורים והידידים לוקחים על עצמם החיפוש בזה, אם כולו או עכ"פ במדה גדולה, ומה תהי' התועלת מהעדר העסק' בזה. כמדומה לי, שבזמן האחרון הציעו לפניו עוד כמה ענינים וגם אותם דחה בשתי ידים. מובן אשר אין כוונתי לצער את כת"ר שי', ולא באתי אלא לזרז את כת"ר וזוגתו שיחיו במה שמזורזים הם בלא"ה; בחובה ההורים אל בניהם.

המחכה לבשו"ט-בברכה

יום א' פ' מקץ כ"ב כסלו תשי"ד (כשהרבנית שתליט"א היתה בפאריז ובציריך)

ווער הייסט מישן זיך אין מיין בעל-הביתישקייט מען זאָגט מיר וואו איך זאָל נעמען שבת און איצטער מיט די גרעדט, איך בין דוכט זיך שוין נאָך בר-מצוה. ברייננגט דעם ביל וויפל עס קאָסט וועל איך אָפצאָלן, אַנדערש וועל איך ניט ניצון די וועש, מר רובאַשקין איז שוין געקומען פון פאריז. זי האָט איבערגעגעבן אַ טשעמאָדאַן פאַר מיר. ווילשאַנסקי האָט דאָס איבערגעגעבן ער זאָל אייך אָפגעבן כדי מען זאָל ניט וויסן אַז עס איז פאַר מיר.

יום א' פ' ויגש ער"ח טבת תשי"ד

דאָס איז פאַר אייך פון מיין בעל הבית'טע (קאַרטל) אַ דאַנק פאַרן טשעמאָדאַן איר קענט אים ברייננגען צו מיר אין הויז און אַוועקשטעלן לעבן טיר.

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק




עש"ק פ' ויחי תשי"ד. אויף יחידות.

עס איז דאָ אַ וואָרט פון ר' אהרן קאַרלינער, אַז עצבות איז ניט קיין עבירה אָבער די גרעסטע צרות קענען קומען דורך עצבות - זייט פריילך.

עש"ק פ' שמיני תשי"ד

איר האָט נאָך עפעס ..... וויפל מאָל האָט איר זיך געטראָפן. וועגן איר וועל איך הערון פון איר. נו מזל טוב עס זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת. איר זאָלט האָבן אַ אידישע שטוב און אויך אַ חסידישע, איר ווילט אַריין גייען צוזאַמען צי בעזונדער, דער טאַטע ווייסט נאָך ניט, עס איז אַ סוד ווי אַלע זאַכן. רוף אָפ דעם טאַטן בעסער פאַר שבת - קענסט רופן פון "מרכז" פאַר וואָס זאָל מען באַ עם צונעמען דעם פאַרגעניגן, מסתמא וועט זיין אַלעס גוט.

אור ליום ד' תזריע תשי"ד

מען דאַרף זיין בשמחה עבדו את ה' בשמחה כתיב און דאָס דאַרף זיין ניכר אויף דעם פנים אויך. וואָס וועט איר זאָגן גוטס ר' בער, איר האָט דאָך שוין אַ הסכמה און אַ ברכה וואָס ווילט איר נאָך. באַ מיר קומט אויס אַז מען זאָל מאַכן פאַר פסח אַ וואָרט אָדער תנאים. דאָס וועגד זיך שוין אין די מחותנים, און מען דאַרף זען אַז דער טאַטע און די מאַמע זאָלן קומען אויף די תנאים אָדער איינער פון זיי, און אַז די מחותנים וועלן זיין דאָ וועט מען שוין באַשטימען די צייט פון דער חתונה און עס זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת.

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

נאָר מען זאָל די חתונה ניט אָפּלייגן אויף אַ לאַנגע צייט. דער אויב' זאָל העלפן אַז פון דעם זוהן פון רוסלאַנד פון ברודער זאָל מען מקבל זיין בשורות טובות.

שבת מברכים ר"ח ניסן בתוך ההתוועדות תשי"ד (ב' ניסן הי' תנאים)

זאָג לחיים עס איז נאָך אַלץ אַ סוד, דו האָסט היינט עולה תורה געווען, ר' נפתלי זאָגט לחיים דער סוד איז שוין נתגלה געוואָרין. פאַר מנחה בחדרו שאל, פאַרוואָס האָסט ניט געזאָגט ר' יוחנן ער זאָל אייך געבן אַ עלי' (עס איז געווען אַלעס פאַרנומען) נו איז וואָס אַז עס איז פאַרנומען.

צו מנחה צוה ליתן לאבי שי' ולי עלי' והכהנים זאָלן אַרויס גייען.

יום ג' ד' ניסן תשי"ד

דער טאַטע איז נאָך מסתמא דאָ. וואָס ער איז ניט געבליבן אויף דער חתונה (דוד ראַסקין'ס) מיט וואָס איז ער אַוועק געפאָרין, ווען האָט מען באַשטימט די חתונה (נאָך שבועות) וואָס פאַר אַ טאָג. (דער רבי שליט"א האָט געזאָגט דעם טאַטין אויף דאָנערשטיק וואָס נאָך שבועות) איך האָב געמיינט אַז די מחותנים זאָלן זיך צווישן זיך צונויף ריידן. די מאַמע איז אויף דער חתונה (אמו של כ"ק אד"ש) מיט ווען איז זי געקומען, און די פּרוי איז אויך דאָרט (ניין) און מיט וועמען וועט זי גייען צוריק, זי איז געווען באַ דער חופה אויך. וואָס טוהט זיך אויף דער חתונה, איר וועט אַזוי גוט זיין אַריין לייגן די בריף צו דער מאַמען. היינט אָדער מאָרגן גאַנץ פרי און האָט ניט קיין פאַראיבעל וואָס איך האָב אייך מפסיק געווען פון דער חתונה, דער מאַמען האַט מען געגעבן אַ טעלעג' נאָך די תנאים (דער טאַטע האָט גירעדט מיט איר אין טעלעפ').

עס איז געווען תנאים צו אַ וואָרט (תנאים) איר האָט געזאָגט אַ מאמר אויך, וועלכן (אדני שפתי תפתח) דאָס איז פון תשי"ב עס איז דאָך ניטאָ קיין הנחה (יע פאראַן) פון וואַנעבט איז די ראי' אַז זי איז אַ ריכטיגע. נו, אַז מי פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויב' איז גוט. און מי האָט אויך געלאָזן פינישן דעם גאַנצון מאמר און ניט איבערגעקלאַפּט. ווער זיינען געווען די עדות (ר' חיים מאיר בוקע[illegible]אַוויניץ) וויפל איז זי אַלט ..... און איר זיין שוין ....איז גוט דאַרפט איר ניט מורה האָבן פאַרין מיליטער.

יום ד' י"א ניסן תשי"ד

וועגן בעל הביתישקייט ווייס איך נאָך ניט וואו מען וועט זיין פסח, עס איז נאָך ניט נחלט געוואָרין מיטן ד"ר, אויב מי וועט דאָרט ניט זיין צוליב וואָס דאַרף מען דאָס פירן אומזיסט (אין שפיטאָל) די עלעק' פליטע איז דאָך אין שטוב, אָן איר ווייס איך ניט אין בעל-הביתישקייט עס איז ניט מיין דעפאַרטמענט. די ווייַן איז דאָ גוט זי זאָל זיין נשמר מראי' עס איז פראַן מיט צוקער אויך.

(אויב מי דאַרף עפּעס העלפן בין איך אַלע מאָל גרייט) איך ווייס דאָס גאַנץ גוט.

דער מאַמען האָב איך אַליין דערציילט אַז זי האָט זיך אויסגידרייט אַ האַנט און זי ליגט אין שפיטאָל (די רביצין שתחי'), ווייל זי האָט מיר געזאָגט אַז זי האָט עטלעכע מאָל געדופן און זי האָט ניט גיענטפערט.

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

וועגן די מזונות ווי האָב איך געזאָגט מיטן לשון "איר זאָלט דאָס אויפעסן אויף דער חתונה אָדער נאָר בהנוגע אַ שידוך (אמרתי אַ שטיקל איצטער ... און אַ שטיקל אויף דער חתונה) אויב אַזוי וואָלט איר דאָס באַדאַרפט אויפעסן אויף די תנאים, אָבער פאַרקויפן צו אַ גוי ניט, איר קענט דאָס אויפעסן איצטער און עס וועט זיין כאילו יעמאָלט. נעמט צוטיילט זיך אַ שטיקל אייך און אַ שטיקל אייער כלה.

וועגן דעם כוס קען מען דאָך ברייגנען שבת צו נאַכט היינט איז נאָך דאָ חמץ.

ערב פסח תשי"ד

(נתן מצה שלמה ועוד חצי עבורי גם שני חתיכות עבור אבי וגיסי כמר יעקב שי') ושאל נאָך פאַר איימיצן אח"כ נתן שתי חתיכות ואמר דאָס איז פאַר דער כלה.

בליל א' אחר הסדר קרא אותי כמה פעמים לחדרו וכשבאתי אמר מי דאַרף זיין בשמחה עבדו את ה' בשמחה און די שמחה דאַרף זיין קענטיג אויפן פנים אויך. פאַרוואָס פאַרברייינגט איר ניט גלייך מיט אַלעמען. איצט איז ניט קיין צייט פון יחידות און בכלל איז ניט מיין טבע זאָגן מוסר... דערפאַר וואָס איר העלפט מיר מיין מוטער מיין בעל הביתטע וועט אייך קומען א גרעסערער שטיק לויתן שור הבר און דאס וועט אייך מסייע זיין אין אייער עבודה אויב איר וועט טאן ,סי שוין געקומען די צייט איר זאלט מעורר זיין אנדערע, לא די וואס איר זייט ניט מעורר אנדערע דארף מען נאך אייך אויך מעורר זיין אבער איצטער ווארפט זיך אריין... וועט דאס אייך ארויסשלעפן און איר וועט...

דער אויב' און די רביים זאלן האבן נחת פון אייך און איר זאלט האבן נחת פון זיך ניט קיין נחת שוא ארעי נאר אמתן נחת.

דער אויב' זאל העלפן אז די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת און איר זאלט זיין א חסיד און א אמתער ירא שמים.

א' דחוה"מ פסח תשי"ד

פארוואס קען מען ניט מאכן די חתונה דארט וואו דוד ראסקין, וואס איז בא קופעצקי, אפשר וויל ער בכלל ניט, און וואס איז וועגן אנדערע האלס... איר ווייסט ניט וואס צו טאן איך וייס אויך ניט. אז איר וועט האבן א הצעה וועל איך אייך געבן א עצה.

(איך וויל אז דער רבי שליט"א זאל מסדר קדושין זיין) איך זאל פארין אין א האל וועל איך שפעטער האבן א סאך צרות, איך האב איצטער אויך גענוג צרות. די חופה וועט מען קענען מאכון דא, און די סעודה אין א צווייטן פלאץ ווי אייך איז באקוועמער. דערנאך קען מען מאכון אז די סעודה זאל זיין אין עטליכע שעה שפעטער, ווי מען טוהט דא. עס איז איצטער מאדערן. מען וואלט געקענט מאכן אפילו די חתונה אין הויף דא. נאר ס'איז צו ווייניג פלאץ און טאמער וועט גייען א רעגון. זיי מברר בא קופעצקי און אז איר וועט האבן נייעס וועט איר מיר זאגן.

לסעודת אחרון של פסח תשי"ד, ערב

מצה מקצת על המפה, מצה עם דגים, קניידלעך אין יויך. וגם נתן שתי חתיכות מצה ביויך.

## **תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק**

יום א' פ' נשא כ"ז אייר תשי"ד (יחידות עם הכלה)

ווען רעכונט איר פאָרון אויפן אהל בעסער פארון אין דעם יום החופה.

ערב ר"ח קען מען בעזונדער פאָרין. איר וועט מסתמא אויך פאָרון (להכלה) נאָר איר זאָלט ניט פאָרון אַליין מסתמא פאָרון מיטן ברודער אויב די מאַמע וויל מיט פאָרון זאָל זי אויך פאָרון.

זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת. איר זאָלט האָבן אַ אידישע הויז און אַ חסידישע הויז. איר זאָלט האָבן נחת פון דעם אויב' וועט דער אויב' האָבן נחת פון אייך.

דער ריידן זיך איר זאָלט ניט פאָרין אין איין צייט.

דערנאָך וועט איר געבן צדקה אין דעם טאָג פון דער חופה. איר פון די געלט וואָס איר פאַרדינט באַ די שטיינדלעך און זי פון איר צירונג און ניט פון קיין אַנדערע געלט ווי דרשה געשאַנק.

(ווענן מסדר קידושין זיין אמר) דאָס דאַרפן דאָך בעטון די מחותנים פון כלה'ס צד. מיר וועלן שוין דורך קומען. עס זאָל זיין בשעה טובה ומוצלחת.

חג השבועות תשי"ד

בתוך ההתוועדות אמר כ"ק אד"ש זאגט לחיים און פארגעסט אויף אלע חשבונות.

ט' סיון תשי"ד

צו מנחה אמר: נאט דעם סידור, אז דער עולם וועט זיך צונויף קלייבן אדער רוב עולם קען מען מיך א רוף טאן. איך וועל זיין דא 8 אזייגער אדער פאר 8. איר זאלט דאוונען אין א גארטל. בעט זיך אויס אלעס גוטס.

דעם לעצטן טאג שבע ברכות:

איר האט שוין מזוזות. מען דארף צוקלאפן אן א ברכה און אין א חודש ארום אראפנעמען איינע, בודק זיין זי און מאכן א ברכה ביים צוקלאפן. און מוצא זיין אלע מזוזות.

### <u>**הוספה**</u>

כאן המקום להזכיר מה ששמעתי מאאמו"ר שיחי', (ואאמו"ר אמר זאת לפני הרבנית חנה – אמו של רבנו, והיא חזרה זאת לפני רבנו) והוא על מה שכ"ק אדמו"ר רגיל לכתוב במכתבו לחתונות **הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב**, הלשון להביע כמעט ולא מצינו במכתבי רבותינו נשיאנו, אך כשתעיין בתהילים עה"פ **יום ליום יביע אמר** (יט, ג) מביא שם רש"י ב' פירושים, והפירוש הב' היא: **<u>מנחם</u> פתר יביעו לשון מעיין נובע,** ואפשר לכאורה לומר שרבנו משתמש בזה הלשון **יביע**, כי כמו שהמעיין מקושר לשרשו ואינו מכזב, כך גם ברכתו של רבנו, הברכה הולכת ומתחדשת תמיד, ומקושר לעצם, והוא תמיד עם האדם כל ימי חייו ,ויה"ר שנהי' אנחנו וצאצאינו וכו' מקושרים לאילנא דחיי', ונהי' כלים ראויים להשראתו של השכינה וברכתו של רבנו תכה"י. אמן.

# שער היחידות

אאמו"ר שיחי' נכנס לראשונה ליחידות אצל כ"ק אדמו"ר נשיא דורנו ביום ז' אייר ה'תש"י, כשנכנס עם המשפחה בתש"כ אמר לו כ"ק אדמו"ר ליכנס עודה"פ בעוד עשר שנים עם כל המשפחה, וכשנכנס בתש"ל אמר לו כ"ק אדמו"ר "און דאס וואס דו שרייבסט וועגן דיין יום הולדת, זיכער וועסטו זיך פירון אזוי ווי די מנהגי יום הולדת" ואאמו"ר לא כתב כלום אודות יום הולדתו אשר הוא בחודש מנ"א, והבינו בפשטות שכוונתו הוא להידוע שיום הולדת של חסיד הוא הפעם הראשונה שנכנס ליחידות, - השנים תש"כ-ל חסר לע"ע- השנה היא ג"כ שנת היחידות ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן ... והוא יגאלינו. היחידות הראשונה מז' אייר תש"י הוגה בשעתה ע"י כ"ק אדמו"ר ומצוב"ז צילומו.



# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

בס"ד. אור ליום ה' כ"ד ניסן ה'תש"מ. שלשים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

א גוטן אווענט.

דער אויבעשטער זאל געבן און מקיים זיין אלץ וואס שטייט דא, און ממלא זיין כל משאלות לבבכם לטובה, און דער עיקר האבן נחת פון די קינדער און אייניקלאך, מכל אחד ואחת, מתוך מנוחת הנפש ובריאות נכונה ופרנסה בהרחוה.

און מצליח זיין בהפצת היהדות בכלל, ובהפצת המעינות (החסידות ?) בפרטת און מצליח זיין בכל העינינים בגו"ר....

און דאס וואס דו בעסט בנוגע תש"נ – זאל דער אויבעשטער ממלא זיין משאלות לבבכם ולבבי,

און זיכער וועט דאס זיין בארצנו הקדושה, מיט משיח צדקנו.

מען וועט געבן יעדען איינעם פון אייך א דאלאר אויף "שליח מצוה" אויף געבן אויף צדקה, ומה טוב – אויף חינוך על טהרת הקודש.

[נתן לכאו"א דולר].

לחנה: דו צינדס שבת - ליכט? הנ"ל: יע. דו גיסט צדקה פארן בענטשן? הנ"ל: יע. נא דיר א "ניקול" (הוציא "ניקול מכיסו ושם על השולחן), און דו זאלסט עס געבן דעם ערב שבת אויף צדקה, צוזאמען מיט דיינע אייגענע געלט.

לא.ב.: נתן לו דולר, ושאל:

דו ביסט דער פון צעטל? (הנ"ל נתן פתק פרטי בצירוף פתק מהנהלת יתות"ל), הנ"ל: יע. בנוגע דיין בקשה – זאל דער אויבעשטער ממלא זיין משאלות לבבך לטובה במילואה.

דו זאלסט זיין א חסיד ירי"ש ולמדן, און זאלסט גיין מחיל אל חיל (וקיום המצות בהידור?), און מצליח זיין בהפצת היהדות בכלל, ובהפצת החסידות בפרט.....

קודם שיצאנו אמר: מ'זאל הערן בשו"ט,און א כשר'ן און פריילעכן יאר.

(כ"ז נרשם ע"פ זכרון בלבד, ולכן חסר קצת)

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

בס"ד. יום א' ז"ך ניסן ה'תש"נ. ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת חלוקת הדולרים.

(על בקשתינו מתי ואיפוא ליכנס על יחידות ענה ע"י המזכירות יחידות ביום א' בעת חלוקת הדולרים.)

על בקשתינו שנתראה עודה"פ בעשר שנים אמר כ"ק אד"ש: אמן, זאל זיי בשורות טובות, הצלחה רבה.

על בקשת ברכה על נחת מהילדים והנכדים מתוך בריאות הנכונה אמר כ"ק אד"ש: עס זאל זיין חסיד'דישע נחת לאורך ימים ושנים טובות, מזאל מקבל זיי פני משיח צדקינו בקרוב.

בעת נתינת הדולרים אמר לכמה: הצלחה רבה, ולכמה אמר: הצלחה'דיקער יאר.

# **הוספות**

ברכת כ"ק אד"ש קודם נסיעת אבי חתן הבר-מצוה לשליחות לאה"ק ת"ו בב"א ליל ז' חשון ה'תשל"ה אחרי תפלת ערבית בהפרוזדור.

ווי איך האב געהערט טוט מען די מבצעים אין א"י נאר אויף צו יוצא זיין, איז במילא זאלט איר אויפשטורעמען א"י מיט די מבצעים ביז שבת און שבת אויכעט, וביהוד אין מבצע הדלקת נירות, און איך וועל געבן יעדן איינעם א דאלער, און איך וועל דאס געבן דורך אייך (ר' זוסיא ווילמובסקי) וואס איר זייט א פארטיזאן און א פארטיזאן איז נאר איינער במילא וועט מען אייך ניט מקנא זיין, און אזוי ווי איר זייט דאך אינגלאך זאלט איר דאס איבער געבן צו אייער א שוועסטער, מאמע, באבע, מומע אז זיי זאלן טאן אין דעם, זאלט איר געבן דאלער'ס צו די וואס פארן יעצט און אויך די וואס זיינען אוועק געפארן היינט, וואס ווי איך האב געהערט דארפן זיי אנקומען אין א חילוק פון עטליכע מינוט (ושאל אם זה נכון), און אזוי ווי היינטיגע וואך לייענט מען דאך לך לך מארצך וממולדך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך וואס דאס איז דאך א"י וואס דארטן פארט איר דאך זאל זיין והי' ברכה. (נכנס לחדרו ויצא וחילק דולרים לכאו"א בעצמו ואח"כ אמר) פארט געזונטערהייט און זאל זיין בהצלחה רבה.

אחדים אחרו יצא להם כ"ק אד"ש עודה"פ ונתן להם דולר ואמר: זאל זיין בהצלחה רבה.

# שער הכתי"ק



צילום כי"ק אדמו"ר להרב מאיר אביחצירא בהעתקה ראשונה, אג"ק ח"ד ע' רז.

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

טולידאנו

..שלום וברכה ארוכה

מצאתי לנכון.. (כמו באשתקד)

אבי [illegible] עם [illegible]

אכמ"ל

ועל כל ענין [illegible] לשלוח

בזה את הקונטרס לי' (כמו

באשתקד) עם [illegible]

ברכה

צילום כי"ק אדמו"ר להרב ר"ב טולידאנו בהעתקה ראשונה, אג"ק ח"ד ע' רח.

הכל יובן ובפרט לאחרי אהבה – גם אהבה דהתפרצות (ועד [illegible] [illegible]) ועיין.

בס"ד.

בשיחת יום ב' דחגה"ש נתבאר הקשר דמבצע "אהבת ישראל" לחגה"ש - גם ע"פ מה שמבאר אדה"ז בתו"א (צח, ד) ד"כפה עליהם הר כגיגית" קאי על המשכת אהבה עליונה שנק' הר. ובענין זה הובא גם מה שביו"ט ~~[illegible]~~ אומרים "באהבה ~~[illegible]~~".

לכאורה אי"מ ההמשך, שהרי מבאר הלבוש (ר"ס תפז) שמה שאומרים "באהבה" ~~הוא~~ [illegible] "משום שמקרא קודש דשבת קבלו עליהם ישראל באהבה במרה קודם שבאו לסיני ולא כפה עליהם הר כגיגית, אבל שאר המצוות קבלו עליהם בסיני וכפה עליהם הקב"ה הר כגיגית, לכך אין אומרים על פרטי המצוות באהבה אע"פ שעל הכלל אומרים באהבה שאומרים באהבה מועדים לשמחה על הפרט אין אומרים אותו וצ"ע. [ואפשר לי לומר טעם נכון דוודאי כלל התורה ~~שהוא~~ סתמא קבלו באהבה ותדע שהרי הכינו עצמם בשלשת הימים כמו שצוה להם משה בלא שום כפי' אלא שאח"כ בשמעם ריבוי המצוות ופרטיותם נזדעזעו שמא לא יוכלו לקיימם והוצרכו כפיית הר כגיגית, לכך אומרים על הכלל באהבה ולא על הפרט"].

אולי הכוונה היא לא בהמשך למה שנת' מאדה"ז דכפיית ההר היא המשכת אהבה, אלא עוד קשר "דוודאי כלל התורה ~~[illegible]~~ סתמא קבלו באהבה" (והכוונה ל"באהבה" שאומרים ביו"ט שחל בחול). האם נכון?

צילום מענת כ"ק אדמו"ר לועד הנחות התמימים על שאלה בהתוועדות שבועות תשל"ח

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

ב"ה.

נתבאר בההדרן שכוונת המשנה כ"לפום צערא אגרא" היא ל"צער" כזה (בתומ"צ) שהאדם מקבל מדעת עצמו שאינו מחויב בזה ולא נצטוה ~~פל~~ בזה (בדוגמת גר שנתגייר. ועד"ז בישראל, שמקבל על עצמו "הידור" וכיו"ב שאינו מחוייב בזה).

ולכן לולא החידוש ד"לפום צערא אגרא", הוה אמינא שאין נותנים לו שכר הצער והטורח כי אם כפי שיווי המלאכה, כהיורד לשדה חבירו מדעת עצמו שאין נותנים לו עבור ההוצאה כי אם כפי שיעור השבח.

ואף שגם היורד לשדה חבירו מדעת עצמו, כשבעה"ב גלי דעתי' דניחא לי', צריך לתת לו עבור כל ההוצאה (גם כשההוצאה יתירה על השבח), ופשוט וודאי שניחא לי' לבעה"ב (הקב"ה) מה שנתגייר – יש לומר, דמכיון שע"י קבלת "צער" הנוסף (שלא נצטווה בזה) דאפשר להיות קלקול והפסד

[כמו בגר שנתגייר, שמכיון ש"אין בקיאין בדקדוקי מצוות" (תוס' יבמות מז,ב) הרי נמצא שעי"ז שנתגייר (ונתחייב במצוות) בא לידי קלקול. ועד"ז בישראל שמקבל על עצמו הידור, שבאם אח"כ (לאחרי שנהג כן ג' פעמים) אינו עושה את ההידור, נמצא שהקבלה הביאה לידי קלקול]

הנה מכיון שלא ניחא לי' לבעה"ב קלקול זה (אף שניחא לי לעצם הגיור וקבלת ההידור) – נמצא, שהוא בדוגמת פועל שקיבל עליו להעביר חביות ממקום למקום ונשברו בפשיעתו (כגון: שהלך למקום ~~ע~~ רעוע ונתקל), שמצד הדין אין בעה"ב נותן לו שכר פעולתו [ואדרבה: על הפועל לשלם את דמי החביות],

ועל זה בא החידוש "לפום צערא אגרא", שגם היכא שע"י הצער שקיבל על עצמו נגרם הפסד לבעה"ב (הקב"ה), מ"מ נותנים לו שכר פעולתו. וכמו המעביר חביות ונשברו בפשיעתו ש"מצוה היא לעשות לו לפנים משורת הדין וליתן לו שכרו" (טור חו"מ סש"ד בתחלתו פג,א). שו"ע אדה"ז הל' שאלה ושכירות סי"ט).

לא תפסנו בזה: הדין שבב"מ שם הוא בשוכר את הפועל להעביר החביות. אבל בנדו"ד: מכיון שהגיור והקבלה עשה האדם מעצמו (ולא נצטווה בזה), מדוע מגיע לו שכר פירחא גם מצד לפנים משורת הדין?

~~אם~~ הכוונה: מכיון שניחא לי' לבעה"ב בעצם הגיור וקבלת ההידור – הוא זה (בנוגע לפרט זה שצריך לתת לו שכרו לפנים משורת הדין) כמו ששכר אותו לעשות פעולה זו (הגיור וקבלת ההדור). ובדוגמת המעביר כמה חביות

צילום מענת כ"ק אדמו"ר לועד הנחות התמימים על שאלה בהתוועדות י' שבט תשל"ט

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

ב

של חבירו מדעת עצמו וניחא לי' לבעה"ב בהעברת החביות, אלא שהלך בדרך רעוע ועי"ז נשברה חבית אחת – שיש לומר, שעל בעה"ב לתת לו שכרו לפנים משורת הדין.

אם נכון. כי [נוסף על מה שבב"מ שם איירי בהשוכר את הפועל, ולא בהמעביר מדעת עצמו ורק שבעה"ב ניחא לי' בזה] – בשלמא התם, העברת החביות וההליכה בדרך רעוע, הם ב' פעולות שונות. ולכן שייך לומר, שאף שניחא לי' לבעה"ב הפעולה דהעברת החביות – ההליכה בדרך רעוע הוה פשיעה (ולכן מצד הדין אין מחוייב לשלם לו שכר טירחו);

משא"כ בנדו"ד – הרי הגיור (וכן קבלת ההידור) הוא פעולה אחת וא"כ הרי ממ"נ: באם חבינן שניחא לי' לבעה"ב פעולה זו (כי הריוח שבזה הוא יותר מחשש ההפסד) – הרי זה דוגמת כמו שניחא לי' לבעה"ב שיעביר את החביות בדרך הרעוע (מצד איזו מעלה שיש בדרך זו, וואס וועקט איבער את חשש ההפסד שחבית אחת תישבר), שאז מה שהלך בדרך רעוע לא הוה פשיעה כלל, וצריך לשלם לו שכרו גם מצד הדין;

ובאם נאמר שמצד חשש ההפסד שיכול להיות ע"י הגיור וקבלת ההידור לא ניחא לי' (ח"ו) לבעה"ב בפעולת הגיור וקבלת ההידור – הרי נמצא, שהאדם (בנוגע לפעולה זו) איננו נחשב כלל כפועל ושכיר, ולמה מגיע לו שכר עבור זה (גם) לפנים משורת הדין?

ב) באם הדין "לפום צערא אגרא" הוא אותו הדין ממש ד"ואורחות צדיקים תשמור" שבב"מ שם – מהי הס"ד דרבה בר בר חנן (בב"מ שם)?

ג) הדין בב"מ שם הוא דוקא כשאין לו להפועל מה לאכול. אבל כשיש לו "כדי סעודת היום" אין צריך לשלם לו שכר (ב"ח חו"מ שם). ומהו ענין זה בנדו"ד?

צילום מענת כ"ק אדמו"ר לועד הנחות התמימים על שאלה בהתוועדות י' שבט תשל"ט

# תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

בס"ד.

בנוגע למ"ש כ"ק אדמו"ר שליט"א (אודות זה שלדעת כמה התחלת הלימוד דמתחיל – ממסכת אבות) למצוא שמם בספר ~~xxx~~ מקורות לתולדות החינוך בישראל (ש. אסף), מפרשי המשנה בן ה' למקרא, בפרט בנוגע לשל"ה ומהר"ל מפראג – חפשנו בספר מקורות לתולדות החינוך בישראל (ע"פ המפתח שם), ומצאנו רק שהי' סדר הלימוד עם קטנים להתחיל מסכת ~~xxxx~~ ברכות ומסכת ~~xxxxx~~ אבות.

[בשאר המקומות – לע"ע לא מצאנו].

עפ"ז – איך לציין בהשיחה?

בהשיחה נכתוב:

וואס דערפאר זעט מען אז לדעת כמה [illegible] איז התחלת הלימוד ~~פון א מתחיל~~ – ~~פון~~ מסכתא אבות.

~~[illegible]~~ דער סדר לימוד הש"ס ~~[illegible]~~, ווי דער מאירי (בהקדמתו לחיבורו (~~מסכת~~ סה"ג לחהיד"א ח"א בערכו)) ברייננגט אראפ – ~~וואס~~ איז ~~אבער~~ דער סדר הלימוד ~~[illegible]~~ וכו', ~~[illegible] מתחיל [illegible]~~ ~~התחלת סדר הלימוד – פון מסכתא אבות.~~

1) [illegible] הענינים [illegible]

3) וזה סדר לימוד הגאונים

2) [illegible]

צילום מענת כ"ק אדמו"ר לועד הנחות התמימים על שאלה בהתוועדות י-יג שבט תשל"ט

## תשורה משמחת הבר מצווה של אליהו יעקב שיחי' יוניק

### הוספות

יום א' כ"ב טבת ה'תשל"ה.

מענת כ"ק אדמו"ר שליט"א על פ"נ ששלחנו עבור החייל ...... הדגיש בהפ"נ על התיבות ההגנה על ארצינו הק' ואח"ז המשיך וז"ל הק': שמהעקרים בזה כמש"נ: והי' מחנך (היינו כאו"א מהצבא (קדוש שאז "ה"א מתהלך בקרב מחניך להצילך ולתת אויביך לפניך) "דברים כג ט"ו) וכל הנהגה הפכית ח"ו – ה"ז סיוע ר"ל. להאויב .ובאופן ד"גייס חמישי "ר"ל !וד"ל. אזכיר עה"צ.

בעת שליחות אבי חתן הבר-מצוה באה"ק

*

ז' כסלו ה'תשל"ד. (מענה כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת סכסוך בין התלמידים והמוסד)

אמהז"ל שת' מצליח כשלומד במקום שלבו רוצה.

ידוע שקיום הנהלת ישיבה וגם הראשי ישיבה – הוא בשביל תועלת הת', ולא להיפך (הת' בשביל הנ"ל)

מי הצודק בסכסוך הנ"ל צריך לברר לפני רבנים וכיו"ב.

ובכל אופן: מצידי – באם טענת הת' צודקות ולכן רצונם ללמוד במק"א – אין כל מניעה שיעשו כן.

אזכיר עה"צ.

*

# היום יום...

**יום ראשון ג סיון, מז לעומר ה'תש"ג**

**שיעורים.** חומש: נשא, פרשה ראשונה עם פירש"י.

תהלים: יח-כב.

תניא: פרק נג. והנה . . . -148- לי"ח.

**כשהסתפרו בימי הגבלה, קודם עחה"ש, לא היתה רוח אאמו"ר נוחה מזה.**

המעיין בשיטת תוד"ה תורה (שבת פט. א) יבין, שחה"ש הוא זמן עת רצון למעלה, והשי"ת מטריד את המקטרג על עם ישראל, כדוגמת הטרדתו בשעת התקיעות בר"ה ויום הקדוש דצום כפורים.

מוקדש לחיזוק ההתקשרות
**לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו**

*

ולזכות
חתן הבר-מצוה
**אליהו יעקב** שיחי'

לרגל חגיגת הבר-מצוה בשעטומ"צ
יום השלישי שהוכפל בי כי טוב
יום א' דימי הגבלה
**ג' סיון ה'תש"ס**

נדפס ע"י הוריו
הרה"ת הר"ר **אברהם ברוך** וזוג' **ציפה חי'** שיחיו

ואחיו ואחיותיו
**חנה, אלטא שרה, לוי יצחק וגאלדא איטא** שיחיו
**יוניק**

וזקיניו
הרה"ח הרה"ת מוהר"ר **דובער** וזוג' **פרומא** שיחיו
**יוניק**

הוו"ח אי"א נו"נ הר"ר **אהרן** וזוג' **העניא** שיחיו
**לאסקי**

2000 © ה'תש"ס